# נאטיצן פון נטרונא

True Torah Jews



True Torah Jews
183 wilson Street, PMB 162
Brooklyn NY 11211
Tel: (718) 841-7053
Fax: (718) 504-4513
www.truetorahjews.com



גליון ב' חודש אלול תשס"ז לפ"ק • פנימי לחברי ואוהדי "נטרונא" מהנעשה ומהנשמע בתוך מפעלינו הק'


# לאנג ערוואטערטער און העכסט געלונגענער ספר "אפס בלתך גואלינו" ווערט אויפגענומען ביים יהדות החרדית מיט גרויס שפאנונג

## רצון צדיק פון כ"ק מרן הקוה"ט מסאטמאר זי"ע ענדליך אויסגעפירט געווארן דורך "נטרונא" אין די טעג פון ערב ראש השנה די זעלבע צייט פון ערשיינונג פונעם ערשטן באנד "ויואל משה"

אין די טעג ווען דער כלל ישראל איבעראל גרייטן זיך צו די הייליגע טעג, מען זוכט זיך זכותים מיט וואס מעורר צו זיין די מליצה ישרה, אויף אויסצובעטן זיך א גוטען און א גליקליכער יאר, האט "נטרונא" זוכה געווען צו מעורר זיין א שטארקער צאל זכותים, וועלכע וועט אי"ה פיל אראפנעמען פון דעם שרעקליכן חרון אף וועלכע די רשעי הציונים און זייערע פרומע נאכשלעפער זייען אן אויף די וועלט, מיט זייערע סילוף דא"ח און חילול כבוד שמים איבער די וועלט רח"ל אויף א שרעקליכער פארנעם.

אין די טעג קומט ארויס פון דרוק דער לאנג ערווארטעטער ספר "אפס בלתך גואלינו", א גאר געלונגענער ווערק וועלכע איז פינאנצירט געווארן דורך די חשוב'ע הנהלה פון "נטרונא", מיטן ציל אפצושלאגן די אלע פאלשע ארגומענטן וועלכע די פרומע ציוניסטישע פראפאגאנדיסטן טראגן זיך ארום, ווען זיי פרעדיגן ביליגע און פארפירערישע פראפאגאנדע כאילו די פראבלעם איז נאר "מדינה חילונית" אבער א "מדינה ע"פ תורא", איז גאר א פליכט אנצוהאלטן און מחזק זיין, אדער גאר א חיוב "עולה", צו זיין במס"נ. ליידער ביי א גרויסן טייל פונעם ציבור ווערן נתפעל פון די פארלוימדישע ווערטער וועלכע די אלע סארט מסיתים האלטן אין איין פארקויפן אז די דעת תורה אמיתית איז בלויז א "שיטה יחידאה" פונעם "סאטמארער רב" און קיינער האלט נישט אזוי, און נאך אזעלכע שטותים ובדויים וואס דאס אליינס פאר זיך פאדערט א קלארער ביאור דערויף.

מיטן ערשיינונג פון דעם הערליכן ספר "אפס בלתך גואלינו" ווערט געשאצט אז אט די ווערטער פון די אלע סארטן מסיתים למיניהם וועלן אויטאמאטיש ווערן אפגעשלאגן. דער ספר איז צוזאמגעשטעלט פון א גאר רייכער חומר מיט פילע מאמרים אנגעהויבן פון פסוקי תנ"ך, וועלכע רעדן איבער די ענינים, און עס ציט זיך ווייטער צו מאמרי חז"ל, ביז צו א הערליכן ליקוט מפי ספרים וסופרים פון רבותינו הקדושים בכל דור ודור, ווען אלעס ווערט אויפגעקלערט מיט א געוואלדיגן בהירות איבער ענינים פון לקיחת חירות לפני ביאת המשיח, גלות און דחיקת הקץ אד"ג, ווי אויך די ניגוד און די מלחמה כבידה וועלכע די גדולי ישראל האבן אפגעהאלטן אקעגן די כת הרשעה מיום הוסדה, פארשידענע ליקוטים איבער ארץ ישראל, ישוב ארץ ישראל בזמנינו אד"ג. טראץ דעם וואס פאר אונז אחים לדעה וועלכע האבן זוכה געווען צו הערן דעם דבר ד' איז גענונג דער ספר "ויואל משה" ווי דער רבי זי"ע איז מברר כשמלה יעדן פרט ופרט, און נאך ביז היינט שטייען זיינע ווערטער פעסט אומבארירט. איז אבער באקאנט ווי דער רבי זי"ע זעלבסט אט געשטרעבט אהערצושטעלן אזא חיבור, ער פערזענליך האט נאך געבעטן בשעתו פון הגאוה"צ המפורסם רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצוק"ל ר"י נייטרא בעמח"ס תורת חמ"ד ומן המיצר, וועלכער איז געווען א באקאנטער גאון עולם, אז ער זאל אהערשטעלן אזא חיבור מלקט צו זיין די ווערטער פון די פריערדיגע גדולי ישראל און זייערע ריכטיגע פסקים בנוגע די פראבלעמען פון ציוניזם און


(פארזעצונג אויף קומענדיגע זייט)


Design by: C&G TYPOGRAPHIC / 718-935-1945

נטרונא וואונטשט פאר אלע מעמבערס און גאנץ כלל ישראל א כתיבה וחתימה טובה ושנת גאולה וישועה

# לאנג ערוואטערטער און העכסט געלונגענער ספר "אפס בלתך גואלינו" ווערט אויפגענומען ביים יהדות החרדית מיט גרויס שפאנונג

**רצון צדיק פון כ"ק מרן הקוה"ט מסאטמאר זי"ע ענדליך אויסגעפירט געווארן דורך "נטרונא"**
**אין די טעג פון ערב ראש השנה די זעלבע צייט פון ערשיינונג פונעם ערשטן באנד "ויואל משה"**

(פארזעצונג פון פריערדיגע זייט)

איבער דעם ענין פון שלש שבועות אד"ג, אויף וואס רבי מיכאל בער זצ"ל האט זיך שפעטער פארענטפערט פארן רבי'ן אין א בריוו (געדרוקט אין תורת חמ"ד) זאגנדיג אז ער קען דאס נישט מסדר זיין נאכדעם וואס ער האט נישט די ספרים פאר זיך, און ער איז געווען גאר שטארק פארנומען מיט זיין ישיבה, ווי אויך איז ער נישט געווען געזונט, וואס דאס האט דעמאלס בשעתו נישט ערמעגליכט אהערצושטעלן דעם חיבור, אויף וואס דער רבי זי"ע האט גאר שטארק געשטרעבט, טאקע צו קענען איבערצייגן אז דאס איז ווייט נישט קיין "שיטה יחידאה", און ווי מען זעט קליפ און קלאר, ווי די גדולי ישראל נאך הונדערטער יאר פארן סאטמארער רב איז דאס געווען א דבר פשוט, אז מ'קען זיך נישט אליין א עצה געבען נאר ווארטן אויפ'ן ביאת המשיח שיתגלה במהרה בימינו אכי"ר.

נאכמער איז די ארבעט קריטיש וויכטיג בימינו אלה וואס מען איז געשלאגען מיט "אומגעדולדיקייט" אדורכצוקוקען בירור הענינים, ווי מ'זעהט אין די פאליצעס פון די ספרים געשעפטן איז פיל דייקא מיט די ספרי קודש וואס זענען "להקל על המעיין" אט מיט די נייעם ספר וועט מען אויך קענען דערגיין די יסודי הדת גריניג און לייכט בבחינת "חטוף ואכול".

ענדליך נאך אזויפיל יארן איז געלונגען פאר "נטרונא" אהערצושטעלן דעם געלונגענעם חיבור "אפס בלתך", וואס באצויבערט יעדן איינעם, און ברענגט ארויס א גאר שטארק פרייד ביי אלע שלומי אמוני ישראל, וועלכע זעהן דערין דער ציל וואס רביה"ק זי"ע האט געפאדערט צו מפרסם זיין איבער דעם וועלט, און אויפקלערן פאר יעדן נאכאנאנד דעם דעת תורה און נישט שווייגן, ווי ער צייכנט אן אין די הקדמה צום הייליגן ספר ויואל משה אז "שתיקת כל הדור ודאי שתיקה כהודאה גמורה".

מיט דער ווערק פון ארויסגעבן אזא ברייטער חיבור טאקע פאר די אלע אידן בכל מקומות מושבותיהם, ווערט פארזיכערט אז "הקולות לא יחדלון", און אויב האבן מיר שוין היינט געזען די פילע פירות פון די וועלכע האבן שוין ענדליך געעפענט די הערצער פון פילע אידן וועלכע האבן קיינמאל נישט באגריפן דעם אמת, ווערט מען היינט דערשטוינט צו הערן ווי ווייט זיי פארלאנגן דאס.

דער ספר איז אויסער דעם הערליכן גראפישן אויסשטעל אויך א מייסטער ווערק פונעם אהערשטעלן די ליקוטים, ווען יעדעס שטיקל האט זיך זיין קעפל, ווען עס זעט זיך קלאר פון וואס מען רעדט, ווען אלעס איז איינגעטיילט אין באזונדערע פרקים אא"וו, די גדולי הדור שליט"א האבן אויסער געווענליך משבח געווהען דעם חיבור, סיי מיט דעם פרישער אוצר פון מראי מקומות וואס עס איז נתגלה געווארן, און סיי די "מלאכת מחשבת" אינעם סידור הענינים זאגענדינג אז נאר דורצוקוקען די מפתח הענינים באקומט מען א קלארן בילד איבער די ענינים העומדים ברומו של עולם.

גלייכצייטיג איז אנגעמערקט געווארן דער "סימנא מילתא", ווען דער ספר איז ארויסגעקומען אצינד הארט פאר ראש השנה, ווען דאס דערמאנט די מורא'דיגע פאקט וואס הרה"ח ר' סענדר דייטש ז"ל פארציילט אין "בוצינא קדישא", וויאזוי דער רבי זי"ע האט אים געלאזט רופן פאר ראש השנה, און געפרעגט ווי עס האלט מיט די ארבעט פונעם אפדרוקן דעם ערשטן באנד פונעם "ויואל משה" (וועלכע האט נאך דאן ערהאלטן בלויז דעם ערשטן מאמר), ר' סענדר האט דאם געזאגט פארן רבי'ן אז אט אט וועט עס ווערן פארפערטיגט, זאגנדיג אז ער וועט דאס ענדיגן אויף נאך ראש השנה, אבער דער רבי זי"ע האט אים געבעטן אז ער זאל נאך פרובירן דאס צו ענדיגן בעפאר ראש השנה, זאגנדיג אז ער "זוכט זכותים מיט וואס אריינצוגיין אינעם יום הדין"..., ווי ר' סענדר פארציילט האט ער ביטער שווער געארבעט במשך פון די צוויי טעג, ביז ער האט קוים הארט פארן זמן ארויסדערווישט א פארפארטיגטער באנד "ויואל משה", ווי ער האט דאס געברענגט פארן רבי'ן זי"ע האט זיין פנים אויפגעלאכטן מיט א באזונדערן שטראל... דער רבי, דער גרויסער צדיק וקדוש און מנהיג ישראל, האט געשפירט אז ער קען נישט גיין צו די הייליגע טעג נאר מיטן ארויסגעבן דעם "ויואל משה"...

אנן מה נענה אבתרי'... וואס זאלן מיר זאגן, וויאזוי קענען מיר זיך ריכטיג גרייטן צום יום הדין?... אבער עס איז קלאר אז די אלע נדבנים און די אלע וועלכע האבן געהאט א חלק אין דעם ספר "אפס בלתך" האבן נאך זכותים אויף זייער קאנטע, יעדן איד וואס דער ספר וועט אי"ה אויפטון לטובה, וועט גערעכנט ווערן פאר זייערע זכותים.

לאמיר האפן אז אין אט דער גרויסער זכות וועלן מיר געהאלפן ווערן אס עז אל שוין מקויים ווערן די ווערטער וועלכע מיר בעטן די הייליגע טעג "וכל הרשעה כולה בעשן תכלה כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ - ותמלוך אתה ה"א מהרה לבדך על כל מעשיך", און דערמיט צואיילן די גאולה העתידה, און מיר וועלן אלע זוכה זיין צו א שנת גאולה וישועה במהרה בימינו אמן.

# ענגלישער ספר
# "פוט סטעיפס אפ די פלעק"
# שטארק צוכאפט געווארן
# טראָץ סטראשענונגען

## דיסטריבוטערס האלטן זיך אפ דאס צו פארשפרייטן אין די געשעפטן




ווי עס איז שוין דערמאנט געווארן אין די פאריגע נאטיצן, איז ארויסגעגעבן געווארן אנהויב זומער א גאר וויכטיגער ענגלישער חיבור מיטן נאמען "פוט סטעיפס אפ די פלעק", וועלכע אנטהאלט פיל ווערטער צוזאמגעקליבן אויף די פרשה פון יעדע וואך, צו ערזעצן די אלע סארט ענגלישע ביכער פון דעם סארט, וועלכע ווערט גענוצט אלגעמיינעם ציבור, און ווערן פארבלענדעט פון די אלע ליגענעריעש ווערטער, וואס דעריבער האט זיך גאר וויכטיג געפאדערט אהערצושטעלן אט דעם שווערן ארבעט, ווען מיט די הילף פון גאר חשוב'ע תלמידי חכמים און מומחים איז אראפגעשריבן אויף יעדע פרשה הערליכע ליקוטים, ווי עס ווערט ארויסגעברענגט די ריכטיגע דעת תורה פון אַלע גדולים פונעם פריערדיגן דור, איינגעטיילט מיט שיינע ווערטער אויף די פרשה.

עס איז כדאי צו באמערקן אז דער ספר איז פארקויפט געווארן דורך ליטווישע בחורים ביים ציון הקדוש פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע אין קרית יואל אין די טאג פון "כ"ו אב" ביים יומא דהילולא קדישא, ווען טראָץ די שווערע רעגנס, זענען די ספרים צוכאפט געווארן, און שוין אין די פרימארגן שעה'ן האט די הנהלה ערהאלטן א רוף פון די פארקויפער אז מען זאל ווי שנעלער ברענגען נאך ספרים, ווייל אלעס איז צוכאפט געווארן, און צווישן זיי דוקא פון אזעלכע אידן פון די מער ליטווישע קרייזן אד"ג.

גאר שווער איז אבער געווען פאר "נטרונא" דאס אויסצושפרייטן אין די ספרים געשעפטן פון די געגענטער אין פלעטבוש, קווינס, אד"ג, די דיסטריביוטער האבן מורא געהאט דאס אנצונעמען ציטערנדיג אז דאס וועט זיי שטערן די ביזנעס... די אייגענטומער פון די געשעפטן אליינס האבן באקומען סטראשענונגען אז מען וועט זיי "פאברענען די געשעפטן"...

כדי דאס צו קענען פארשפרייטן האט "נטרונא" אליינס געמוזט נעמען די הוצאות פון אדווערטייזן און דיסטריביוטען, ווען פילע געשעפטן האבן שוין יא מסכים געווען דאס ארייננצונעמען נאכדעם וואס זיי האבן באקומען גאר שטארקע פארלאנגען דערויף, פילע וועלכע האבן דאס געזען ביי זייערע חברים האבן דאס אנגעהויבן פאדערן אין די געשעפטן אז מען זאל דאס פארשאפן, אט דאס אלעס האט געצווינגען "נטרונא" צו פארשאפן אן אייגענעם דיסטריביוטער, און נעמען זיך אלע קאסטן דערפון, וואס דאס טאר ווי פארשטענדליך נישט זיין קיין אפהאלט.

בשורה טובה תדשן עצם, מיר האבן אין די טעג צוריקגעהערט פון גאר גרויסע דזשדייקא סטאר'ס אז דער נייער ספר איז ביי זיי "האט אייטעם" און ווערט פאררעכנט אין זייער געשעפט אלס דער "בעסט סעלער", ב"ה דער ספר גייט ביי זיי ווי מצוה וואסער.

טראָץ די שוועריגקייטן וואס מיר זענען דורך האט זיך די אייז ב"ה געבראכן, און מען הערט די תוצאות דערפון, גאר אסאך אימעילס קומען אריין צו "נטרונא" ווי די אידן באדאנקן זיך, אט דאס ברענגט אריין א קורת רוח, וואוסענדיג אז מען טוט ב"ה אזעלכע פעולות לטובה.

לפום צערא אגרא!

עלעקטראנישער
בריוו פון
א איד וואס ברענגט
ארויס זיינע געפילן
איבער דעם ספר
"פוט סטעיפס
אפ די פלעק"


A Question for the Rabbi

Avraham
Email Address:
Sent the following question for the Rabbi:

MESSAGE OR QUESTION:

Dear Rabbi,
I got the sefer that you sent me recently,its works,
thank you very much,I had been rejoiced for these Divrei Torah that you sent me,I want read these every shabbos instead of the parsha that religious zionists publishing every friday.
Thank you very much.

IP Address: 82.81.219.251

# עסקנים פון "נטרונא" שטייען אויף די וואך צו פארעפענטליכן אמת'ן דעת תורה אקעגן פאלשע צייטונג פארלוימדונגען

איינס פון די אקציעס פון "נטרונא" וועלכע איז גאר שטארק באגריסנד, איז דער פאקט וואס די עסקנים שטייען אויף די וואך אויפצוכאפן ביי יעדע געלעגנהייט מפרסם צו זיין די אמת פאר די אידן איבער די גארער וועלט, און אפשלאגן אלע פוסטע צייטונג ארטיקלן וועלכע פרעדיגן דאס פארקערטע.

צום ביישפיל איז כדאי צו דערמאנענען דאס אין דעם ארגאן "יתד נאמן" איז פארהאן א קאלום "ליינערס שרייבן", אין זייער אויסגאבע פון "פרשת שופטים" האט דארטן א געוויסער שרייבער אפגעשריבן א בריוו כאילו די גדולי ישראל האבן זיך גאר געקריגט אויף רביה"ק זי"ע בנוגע דעם יסוד פון די מדינה הציונית, כאילו אנדערע גדולים האבן דאס גאר געהאלטן אלץ א ישועה פאר כלל ישראל.

אט זענען די ווערטער פון יענעם בריוו שרייבער: "ר' יצחק צבי שווארץ האט לעצטע וואך געשריבן אן ארטיקל וואס האט געלויבט די צדקות און חכמה פון האדמו"ר סאטמאר, הרב יואל טייטלבוים זצ"ל. אוודאי אין דעם איז נישט דא וואס צו רעדן. דער סאטמאר רבי איז געווען א גאון עולם און א גרויסער צדיק. פונדעסט וועגן, די בילד וואס הרב שווארץ שטעלט פאר כאילו דער סאטמארער שיטה איז געוויזן צו זיין גערעכט אין אונזער צייטן (למשל די דורכפאלן פון אסלא, און די התנתקות פון עזה) איז געווען לויט מיין דעה (?...) נישט גערעכט.

"דער סאטמאר רבי האט געהאלטן אז די מדינת ישראל איז א כלי פון דער שטן, א פאלשע בילד, און אז די ציונים זענען נישט מער ווי כלים ביד השטן. אלע הצלחות וואס די מדינה האט געהאט זענען אלס מעשה שטן, א נסיון פון דעם אייבערשטן צו זעהן צו אידן ווערן טועה זיין, אזוי ווי די מופת פון א נביא שקר, דאס איז די סיבה וואס דער סאטמאר רבי האט געהאלטן אז מען טאר נישט משתתף זיין אין די בחירות פון די מדינה אדער זיצן אין כנסת.

די מערסטע פון גדולי הדור האבן אבער נישט אזוי געהאלטן, ביז היינטיגן טאג אויך. זיי האבן אלע מאל געוואלט אידן זאלן יא שטימען אין די בחירות, און משתתף זיין אין פארטייען אין כנסת ווי למשל יהדות התורה און ש"ס. זיי האבן נישט געטוישט זייערע שיטות נאך אסלא און עזה. הרב שך זצ"ל האט געגרינדעט דגל התורה, און האט זיך געדונגן מיט'ן סאטמאר רבי'ן בענין די מדינת ישראל. יבל"ח הרב יוסף שלום אלישיב און הרב אהרן לייב שטיינמאן שליט"א זענען ממשיך מיט שיטתו של הרב שך, און אויך די מערסטע גדולים.

און אזוי איז ער ווייטער ממשיך מיט שטותים והבלים כאילו אלע גדולים חוץ דער רבי זי"ע האבן געהאלטן אז דער מדינה איז א גוטע זאך, ווען אט דער בריוו דינט ריכטיג אלץ פארבלענדעניש פאר די המון עם, וועלכע ווייסן נישט פון קיין תירוצים...

א וואך שפעטער האט א חשוב'ער עסקן פון "נטרונא" הרב ר' ירמי' קאהן שליט"א אפגעשריבן אן ענטפער, וואס דער "יתד" האט דאס אפגעדרוקט, מיט אט די שורות:

"איך שרייב אין ענטפער צו פייבל גאלדמאן'ס בריוו לעצטע וואך בענין דעת הגדולים וועגן מדינת ישראל. לויט מיין דעה, עס זענען דא צוויי טעות'ן, איינס פון מר. גאלדמאן און דער צווייטער פון הרב שווארץ, שרייבער פון דעם ארטיקל וועגן דעם סאטמארער רבי'ן זצ"ל.

"מר. גאלדמאן איז מבלבל דעם סאטמאר רבי'ס שיטה, און ממילא ברענגט ער אנדערע וואס האבן געקריגט מיט עם. אבער דער געדאנק אז די הצלחה פון ציונות און די מדינה איז מעשה שטן איז נישט דער יסוד היסודות פון רבי'נס שיטה, נאר א תוצאה. דער יסוד פון רבי'נס שיטה איז אז גרינדן א אידישע מדינה איז אסור ע"פ די שלש שבועות אין כתובות קיא ע"א, און איז א כפירה אין דעם אז די גלות איז א גזירה פון הקב"ה, און אז מיר האבן נאר צו א גאולה פון הקב"ה. דער יסוד איז מיוסד אויף גמרא, מדרשים, ראשונים און אחרונים, און אדרבה איך בעט מר. גאלדמאן מיט אלע ליינערס זיי זאלן פראבירן צו טרעפן איין גדול וואס האט געקריגט מיט דעם.

"להיפך, מיר געפינען אז אונזערע גדולים האבן שטענדיק אזוי גערעדט. ביי די כנסיה גדולה פון אגודת ישראל אין תרצ"ז, רבי אלחנן וואסערמאן, רבי אהרן קאטלער, און רבי מרדכי ראטענבערג פון אנטווערפן און אלע רבנים פון סלאוואקיי האבן געהאלטן אזוי אגודה זאל אפזאגן יעדער הצעה פון א אידישע מדינה, אפילו משני עברי הירדן, אפילו עס וועט זיין מיוסד אויף תורה ומצות, ווייל דאס איז א סארט כפירה באמונת ביאת המשיח (הפרדס). רבי יוסף צבי דושינסקי זצ"ל אין זיינע ווערטער צו די יו.ען. אין תש"ז, האט געזאגט: "ארטאדאקסישע אידן האבן נישט קיין רצון אדער כוונה אונטערצודריקן קיין איין טייל פון די פאפולאציא פון ארץ הקודש...מיר ווילן ארויסדרוקן אונזער קלארער קעגנשטעל צו א אידישע מדינה אין סיי וואס פארא חלק פון פאלעסטין." אין דעם ספר מקאטאוויץ עד ה' באייר ווערט געברענגט אז ר' משה שיינפעלד האט געזאגט אין נאמען פון חזון איש זצ"ל אז ער איז געווען אין גאנצן קעגן א אידישע מדינה.

"ווען דער סאטמאר רבי האט געזען אז די ציונים האבן טאקע מצליח געווען צו מאכן א מדינה, און אז א סך פרומע אידן האבן אין זייער עם הארצות געשטיצט און זיך געפרייט מיט די מדינה, האט ער פארשטאנען אז דאס איז א נסיון פון הקב"ה, ענליך צו די מופת פון א נביא שקר. מר. גאלדמאן איז גערעכט אז עס זענען געווען רבנים וואס האבן געטראפן אנדערע וועגן צו פארשטיין די הצלחת הרשעים. אבער קיינער זאל נישט מאכן א טעות און מיינען אז זייער מחלקת איז געווען אויף דער עיקר שאלה להלכה.

"דער חילוק האט געמאכט דער בריסקער רב זצ"ל ווען מענטשן האבן פאר אים געזאגט אז די מדינה שטייט שוין פאראויס אין ספרי הנביאים און קבלה, האט ער געענטפערט: "די גמרא זאגט בפירוש אז אפילו ווען א זאך איז געזען געווארן דורך א נביא, מעג מען נישט עובר זיין אויף די הייליגע תורה. שטייט אין מסכת ברכות (י ע"א) אז חזקי' האט געזען מיט רוח הקודש אז ער וועט האט שלעכטע קינדער, און צוליב דעם האט ער נישט געוואלט האבן קינדער. פארוואס? אויב ער האט דאס געזען מיט רוח הקודש, וועט דאס געשען סיי ווי סיי, צע פארוואס האט ער פראבירן נישט צו לאזן? דער ענטפער איז אז ווי באלד לויט חזקי'ס דעה איז געווען אן איסור אריינצוברענגן אזעלכע קינדער אויף דער וועלט, האט ער געמוזט טוהן אלעס אז דאס זאל נישט געשעהן, כאטש ער האט געוואוסט אז עס וועט געשעהן סיי ווי סיי. דא אויך, מען טאר נישט מאכן א מדינה, ווייל דאס וועט גורם זיין שפיכות דמים. אפילו די נביאים זאגן אז עס וועט זיין א מדינה, טאר מען נישט צוהעלפן צו דעם."

"נאך א דוגמא האט געגעבן דער בריסקער רב: דער רמב"ם שרייבט סוף הלכות מלכים אז מען קען זעהן די האנט פון הקב"ה אפילו אין די פארשפרייטונג פון די רעליגיעס פון די גוים, וואס גרייטן צו די וועלט פאר ביאת המשיח דורך דעם וואס זיי לערנען אויס אלע גוים וועגן אמונה בה' ותורתו, באופן מטושטש. אבער היעלה על הדעת אז מיר זאלן דערפאר גיין און העלפן פארשפרייטן נצרות און איסלאם??" (תשובות והנהגות חלק ב' סימן ק"מ)

"די שאלה פון השתתפות בבחירות איז אויך נאר א תוצאה פון דעם איסור צו גרינדן א מדינה. דער סאטמאר רבי האט געהאלטן אז

(פארזעצונג אויף קומענדיגע זייט)

# "נטרונא" באקעמפט אין וועב-זייטל אקעגן
# די "פרומע" פארפירער און פרעדיגער פאר ציוניזים

אין די לעצטע צייטן האבן די פרומע זיך היפש צולאזט און זוכן זיך ארייננצובאקומען ווי מער צווישן די ציוניסטישע פירער, ווען די רעליגיעזע פירער פון די מתנחלים פארטייען האבן געווינען 23 פראצענט פון די "ליכוד פארטיי", ווען נתניהו שר"י ציטערט אויב דער ליכוד וועט נישט טראגן קיין "פרומען און עקסטרעמען אויסזען"... נאכדעם ווי די פרומע זענען נאך לײַדער גרעסערע ציונים ווי די ציונים אליינס...

אין א צווייטרע מעלדונג ווערט גאר איבערגעגעבן אז האלב פון די אפיצירן פון די טריפה'נער צה"ל זענען גאר "פרומע"...

ווידער איז געמאלדן געווארן, אז אינעם טראסק צו פראוועגען דער "זעכציגסטער יום העצמאות" איז איינגעשפאנט געווארן היי יאר א "פרומער איד" דער פירער פונעם ארגאן "בקהילה", אין דער צייט וואס די פרייע זענען מער אנגעווייטאגט אויפן גאנצן הילוך החיים פון די מדינה, זענען אבער די פרומע וועלכע געבן נישט אויף... רח"ל, ווען אלעס ווערט מלובש מיט א תירוץ, ווי דער זילבערשלאג דער רעדאקטער פון "בקהלה" האט דערקלערט: "דאס וואס איך נעם אנטייל אין די קאמיטע מיינט נישט אז איך בין א ציוניסט," זאגט זילבערשלאג. "מיין ראלע איז צוברענגען א ביסל אידישקייט צו דער חגא (!...) חוץ פון דעם, גוטע זאכן זענען דאך אויך ארויסגעקומען פון מדינת ישראל (!...). עס איז קיין מאל נישט געווען אזוי פיל אידן וואס קענען זיצן און לערנען תורה (?)"

נטרונא האט דערויף רעאגירט אין זייער וועבסייט, ווען זיי דערקלערן קבל כל העולם כולו: תורה אידן וועלכער פאלגן די גדולים האבן אן אנדערע דעה. מיר זעען א אידישע מדינה בכל אופן שהוא ווי א טראגעדיא, ווייל דער תורה אסר'ט איר עקזיסטענץ... און אלע לימוד התורה און אנדערע מצות וואס ווערט ערמעגליכט דורך די מרכה פון די טריפה'נער מדינה איז א "מצוה הבאה בעבירה". די גמרא זאגט (סוכה ל.) אז טאמער א איד גנב'ט א לולב און טוט מיט דעם די מצוה, איז דער אייבערשטער נישט צופרידן מיט זיין מצוה. אמת'ע לימוד התורה איז נאר מעגליך ווען עס נעמט נישט קיין תמיכה פון די מדינת הציונים, און מען לערנט אויף ערד וואס מ'האט א רעכט צו נוצן, נישט ערד וואס איז גענומען געווארן דורך מלחמה האסורה ע"פ תורה. די חז"ל זאגן אז אויב איינער לערנט תורה אין א הויז וואס אפילו נאר "איין נאגל" דערפון איז געגנב'ט, איז זיין מצוה נישט אנגענומען....

---

## עסקנים פון "נטרונא" שטייען אויף די וואך צו פארעפענטליכן אמת'ן דעת תורה אקעגן פאלשע צייטונג פארלוימדונגען

(פארזעצונג פון פריערדיגע זייט)

מיר זאלן ארויסווייזן אונזער קעגנשאפט צו די מציאות מדינה דורך א "בויקאט" פון אלע השתתפות דעראין. די וואס האבן יא מתיר געווען די בחירות האבן דאס געטוהן כדי צו "שלאגן זיך פון איינעווענדיק" און זיי האבן נישט מורא געהאט אז מענטשן וועלן זעהן די השתתפות אזוי ווי א הסכמה. זיי האבן געגעבן א משל צו א מענטש וואס ווערט באפאלן פון גזלנים און ער הייבט אן רעדן מיט זיי און מאכן א "דיל" וואס זיי זאלן נעמען און וואס נישט. קיינער וועט נישט מיינען אז דער מענטש האלט פון גזילה.

"דער טעות וואס הרב שווארץ האט געמאכט איז מער צושפרייט, מ'קען דאס אמאל הערן אפילו אין סאטמארער קרייזן. און דאס איז צו רעדן כאילו די "דורכפאלן" פון אסלא און עזה האבן גורם געווען אז מער און מער אידן זעען די ריכטיגקייט פון סאטמאר שיטה. ליידער, ס'איז פארקערט, אין די לעצטע פופצען יאר האבן מיר געזעהן ווי די תנועת הציונות ציונות ווערט א גרעסערע סכנה ווי אמאל, ווייל זייער עיקר חיזוק קומט אלס מער און מער פון רעליגיעזע אידן. אין א צייט ווען די פרייע ציונים האלטן כמעט ביי יאוש און זיי ווילן אפגעבן מער און מער למען השלום, קומען די רעליגיעזע ציונים און זאגן פאר די וועלט אז די תורה זאגט אז דאס לאנד באלאנגט צו אידן, מ'דארף פירן מלחמות און פארטרייבן די אראבער, מ'דארף באזעצן די שטחים. ווען אזעלכע זאכן קומען פון מענטשן וואס היטן שולחן ערוך און זייען אויס ווי פרומע, רעדנדיק אין נאמען פון די תורה, איז דער חילול ה' א סך גרעסער און די סכנה מטעה זיין אידן און ארייינברענגען בלבול המוחות איז גרעסער.

"אין אזא צייט קען די קאמף קעגן ציונות נישט זיין אזוי ווי אמאל אין די ערשטע יארן פון די מדינה, ווען גדולי ישראל האבן געפירט מערכות קעגן זייערע גזירות און שמד, ווייל נישט דאס איז דער עיקר היינט, היינט האבן מיר צו טאן מיט אן אנדערע ציונות, די ציונות פון רעליגיעזע עקסטרעמיסטן, וואס זענען שומרי תורה ומצות אבער טועים בעיקרי האמונה. ס'איז געקומען די צייט אז תורה אידן פון פאלגן די גדולים זאלן פארשן דעם ענין און זעהן וואס די גדולים האבן באמת געהאלטן". ביז דא זענען ציטאטן פון דעם בריוו וואס אונזער ר' ירמי' האט אפגעשיקט פארן "יתד", עס איז איבריג ארויסצורענגען וואס אזא בריוו מאכט אויס.

עס איז כדאי צו באמערקן אז דער "יתד" האט דאן אפגעדרוקט נאך צוויי ענטפערס איבער עדם ענין אקעגן דעם דערמאנטן גאלדמאן, איינס פונעם ערשטן שרייבער מוה"ר יצחק צבי שווארץ וועלכע שרייבט ענליכע זאכן אז אלע גדולי ישראל האבן געהאלטן אז מ'טאר נישט מאכן קיין מדינה, און אויף פון מוה"ר דוד שמחה קושנער הי"ו, פלימענעק פון דעם באוואוסטער לוחם מלחמת ה' הרה"ג ר' עוזר יונה קושנער שליט"א פון לעיקוואוד, וועלכע שרייבט גאר שטארק איבער דעם בריסקער רב'ס פייערדיקע שטעלונג אקעגן די מדינה.

# תן לחכם ויחכם עוד

פאר די חשוב'ע מיטהאלטער'ס איז דאך באקאנט אז איינע פון די ברייטע פעולות לטובה, זענען די טויזענטער אי-מעילס, פאסט, וועלכע "נטרונא" דארף אלץ ענטפערן פאר די פילע אנפראגעס וועלכע עס קומען מכל קצוי תבל. אן א שיעור שאלות ווערן אנגעפרעגט סיי איבער אויפקלערונגען אין די ריינעם דעת תורה, און סיי איבער די פאקטישע פעולות, ווי אויך איבער די טעגליכע פראגעס וועלכע שאפן זיך מזמן לזמן.

צוליב דעם צוועק האט "נטרונא" אין איר באזיץ ספעציעלע "אפיסעס", ווי עס זענען פאראהאן גאר חשוב'ע אידן וועלכע זענען אויסגעקאכט אין די עניני אמונות ודיעות אויפן ריינעם דעת תורה וויאזוי מיר האבן מקבל געווען מפי רביה"ק מסאטמאר זי"ע, און פארשטייען וויאזוי ריכטיג צו ענטפערן, און אפילו זיך מתוכח זיין, מיט השי"ת הילף, ווען עס פאדערט זיך פיל מאל אזא תשובה נצחת וואס דאס דרינגט אריין אין די שואלים אויף אזוי ווייט אז זיי אליין ווערן דערנאך משפיעים פאר אנדערע אומוויסענדע אידן אין די אלע מקומות...

היות פיל פון די שאלות ותשובות זענען דוקא אינטערסאנט און באלערנד, ווילען מיר דאס מיטטיילען מזמן לזמן מיט אונזערע אחים לדעה ותן לחכם ויחכם עוד. אט די בייגעלייגטע איז א לענגערע און פארצויגענע וויכוח, וואס מיר האבן שוין אראפברענגען די ערשטע טייל אין די פריערדיגע אויסגאבע, און מיר זענען יעצט ממשיך ווייטער בעז"ה.

(Continued From Previous Edition)

Dear Mr. Lowenthal,

You interpret the Rambam's words "fights the wars of Hashem" as not referring to a literal war. But the Rambam already stated that the moshiach candidate has to "compel all of Israel to walk in the ways of Torah, and reinforce the breaches in its observance." Those two things really do fit the definition of fighting "assimilation" unless you really really want to split hairs about what it means to "fight assimilation." As such, it seems clearly superfluous to interpret "fighting the wars of G-d" as fighting assimilation in my opinion.

I don't know if you can find any sources in the Torah that describe trying to make people observant as "fighting a war of G-d." I'm talking explicit Torah sources here, not what a modern day Rabbi might wish to call such activities (noble though they are).

Meir Braun

Dear Mr. Braun,

"Fighting the wars of Hashem" doesn't have to mean only fighting assimilation. It could mean fighting false ideologies that are held sometimes by Jews who otherwise observe all of the Torah. (For example, there are some Jews who keep halacha down to the last detail yet in their beliefs and mindset are Zionists.) So the Rambam contains no superfluous words: he is saying that the potential moshiach must compel all of the assimilated and non-observant Jews to keep the Torah, and furthermore even within the community of observant Jews he must wage war against false and anti-Torah ideologies. Even if we were to prove (by comparison to other places where the Rambam uses the phrase "wars of Hashem") that the Rambam means literal warfare, this would not mean that moshiach violates the oaths before knowing that he is moshiach. The reason is that the Rambam is to be read in order: only if the messianic canditate succeeds in bringing all the Jews to repent may he go on to the next step of fighting wars. Once he has accomplished the repentance of all the Jews, clearly Hashem is telling us that he has enough of a chezkas moshiach to be allowed to fight wars. Once he fights the wars, he reaches an even higher level of chazakah, allowing him to gather the exiles and build the Temple.

Dear Mr. Lowenthal,

Something else for your consideration. I realize this is not an halachic proof, but yet it is food for thought in the entire spectrum of discussing these issues. Chazal in Sukah say, "There are four things that the Kadosh Baruch Hu created that He "regrets" having created..." One of the four things is "galus." This seems puzzling, even contradictory. How can G-d regret having created the galus if the whole point of it was to cause us to suffer under the nations and then to do teshuva? Isn't that a positive form of suffering, and if so why would He regret having created such a situation? Perhaps one can say that the desired teshuva has not only not arrived, but that the Jewish people as a whole have gone the opposite direction and gotten spiritually worse because of the galut. We can also say as a possible answer that the nations whom G-d meant to chastise Israel in galut went too far. See Tanchuma, Tazria, 11 that expresses the latter idea. Furthermore, another reason why G-d created the galut is to bring in converts (i.e. that the only way that individual gentiles can possibly recognize the G-d of Israel, is by way of seeing the Jewish people in action, on a close up basis, and that was only possible by them living in their countries; the Ohr Hachayim and others express this idea of the Jews bringing up the fallen sparks of the nations as a reason why G-d sent the Jews into galus). However, the gentiles having had that opportunity, not only by and large did not convert (or at least become b'nei noach), instead they chose to mock and humiliate the Jewish people throughout history, the Jewish people who are a manifestation of G-d in their eyes (that is, even the worst of Jews is still a Jew in the eyes of the gentiles, and as such their ability to dominate and abuse the Jew no matter what kind of Jew is seen by them as the lack of the Jew's G-d's power to save them). As such, G-d now regrets having created the galut as the galut's positive purposes not only were not accomplished, but quite the opposite evolved. And since He now regrets having created the galut, might it not be said that He now regrets having made us take our oath concerning the galut? And might it not be said that His regret is our regret as well, since the galut has been a physical and spiritual detriment to our service of Him much more so than any positive outcomes throughout history? If not, we would need to come up with some other meaning behind His "regret." There is more to say about this, including the fact that even certain aspects of Torah understanding have been negatively affected precisely because of the galut. The latter requires a seperate lengthy shiur to go into.

Again, this is merely an insight. And I think it is an insight that can still be coalesced with the idea that we should not want a government over Israel, unless it is led by a potential moshiach type who begins the process by doing the things that are relevent to him.

By the way, I'm just curious where the poskim derive the idea that even if the nations grant us the right to go up as a wall to conquer the land, it is forbidden? Just curious of the source for their p'sak. That issue doesn't change my overall perspective. Sorry if I'm overburdening you with questions and comments. This will be my last for now.

Meir Braun

Dear Mr. Braun,

You quote Succah 52b that Hashem regrets the exile. Listen to Rabbi Avigdor

(Forwad on page 7)

(Continued From page 6)

Miller, tape 179, where he talks about the benefits of exile and explains how they were in fact fulfilled. Among those benefits are: filtering out the bad elements of the Jewish people through assimilation and intermarriage, filtering in the good elements of the gentiles, and teaching the Jews that their ownership of the land is temporary and that G-d is the real Owner. As to the Gemora in Succah, I think that regret cannot be understood literally, anymore than the words vayinachem Hashem ("and Hashem regretted creating man") in Genesis 6:6 are literal. See Rashi there. The Gemora in Succah also says that Hashem regrets creating the yetzer hara but of course the yetzer hara serves a good purpose.

Sources that aliyah bechomah is forbidden even with reshus (besides the Maharal) see Maharash Yafeh on the Midrash, Chasam Sofer on haftorah parshas Shoftim, Ahavas Yonasan on haftorah parshas vaeschanan. See also Vayoel Moshe simanim 10-20 where he brings 11 proofs to this.

Hersh Lowenthal

Dear Mr. Lowenthal,

I still wonder about the question and idea of even mere sakanas nefashos alone not being docheh the halacha of the oaths. We started from the premise of the Maharal's understanding that even danger to life would not negate the oaths, to which you quoted the Avnei Nezer and Satmar Rav's different understandings. However, I asked you earlier from wher the Maharal derived this idea that even danger to life would not nullify the oaths. After all, this is a rather unusual statement from the Maharal considering that we know that all of the mitzvot save for the three cardinal ones are nullified by danger to life. In conjunction with this, I noticed that you positied what may be the source for the Maharal's comments. That being a derivation from the Minchas Chinuch's comments concering the mitzvah of a war of obligation. Without going into the entire explanation, since you and I both know it, the upshot is that the idea is that "Just as in the case of a mitzvah-war of obligation, there is an inherent danger to life, since by the nature of war there is always a danger since people are always killed on both sides, so too the halacha of keeping the three oaths is by its very nature dangerous to life since Jews will always be killed in galus...and so, too, since the mitzvah of war is inherently dangerous, we push aside the danger and do the mitzvah (since other wise, we could never do the mitzvah-war---and how in the world could G-d create a mitzvah-situation that would be impossible to do), so too the halacha of the oaths--that despite the fact that they are inherently dangerous to life, we must still keep them." If this is where the Maharal derived this idea from, I have to respectfully say that I believe that it is not a completely accurate comparison in my opinion. It is, at best, a tenuous comparison. How so? Because in a war situation, the INTENTION of both combatting parties is most definitely to kill each other! And they use weapons which are meant and used to kill. Part and parcel of the very definition of warfare is the desire and need to kill the other side, thus making it VODAI dangerous to life to perform. However, that is not so when living in exile. There is not a VODAI danger to life. It is not by its very nature dangerous, there is merely a POTENTIAL danger. Certainly, throughout history, there have indeed been many times, and long periods of times, where Jews were not targeted to be killed as contrasted to a warfare situation where one soldier is targeting another to kill. This contrast of potential danger vs. definite danger is something that is discussed in other halacha's as well, such as situations with defnite vs. potential danger to life when it comes to keeping shabbos. Indeed, if one wants to say that living in golus is a vodai danger to life by its nature, one can come up with deriving just about any mitzvah-obligation as being dangerous by its very nature (and therefor sakanas nefashos would NEVER be docheh any mitzvah). For example, one could argue (as some actually have) that observing shabbos is by its nature dangerous to life. Because one could argue that keeping shabbos means that you might not have enough parnassa from the extra day of business lost to your gentile competitors, and from there one may even starve to death ch'v...or even go so far as to say that if one refrains from turning on ones lights, one may end up falling in the darkness and dying ch'v. And should one build a sukah, perhaps it too can be inherently dangerous vodai since the roof will certainly fall on us, one may think (don't doubt that some people think this way either; I know someone's mother who views practically everything as a vodai danger to life!). In any case, I strongly believe, based upon the above understanding, that the Minchas Chinuch means to single out a milchemet mitzvah situation as being THE exceptional example of an inherently dangerous mitzvah.

Do you have an explanation of the idea of why G-d would create the oaths with a vodai danger, assuming one can prove conclusively that there is a vodai danger?

Meir Braun

Dear Mr. Braun,

You ask a good question, and I think the answer is as follows. Keeping Shabbos sometimes results in danger. Yet we need not say that G-d wanted us to keep Shabbos even in cases of danger; we can say that He meant keep Shabbos all the time except in cases of danger. Thus we are fulfilling the mitzvah of keeping Shabbos in 9 cases out of 10, and that is called a fulfillment of the mitzvah. But in the case of war, there is always a danger to life, so if we would say "fulfill the mitzvah except in cases of danger" then the mitzvah would never be fulfilled at all. Now you argue that the Three Oaths are similar to Shabbos: we can keep them during peaceful periods of our exile, and violate them during dangerous periods. But keeping the oaths only during peaceful periods is called not keeping them at all. Because the oaths say that the Jewish people must remain in exile until G-d Himself takes them out. If whenever a dangerous situation comes up we are going to rise up and redeem ourselves, that is not called remaining in exile until G-d Himself redeems us, is it?

As to the question of why Hashem made the oaths apply even in cases of danger, while all other mitzvos are superceded by human life, I think that is tantamount to asking "why does Hashem let gentiles kill Jews during exile?" Since Hashem wanted the oaths kept during the entire duration of exile, why did He make the killing of Jews a part of exile? That question has a number of answers and I won't go into them now, but I think now that it is phrased this way it should come as less of a surprise than the idea of having one exceptional mitzvah that supercedes human life.

Hersh Lowenthal

(Forwad on next Edition)

# פון "נטרונא" צום ברייטן ציבור צו העלפן דעקן די פארמערטע הוצאות - אין די איצטיגע ימי הרחמים והרצון

לכבוד ידידינו היקר הי"ו

## עס ווייסט יעדער, עס ברענט א פייער...

עס ברענט א שרעקליך פייער פון מינות און כפירה אויף דער וועלט, א פייער פון טומאה און זוהמא דורך די רשעי ישראל הציונים ימ"ש.

עס ברענט א פארכטיגער פייער פון שנאת ישראל אויף די גאנץ וועלט אדאנק די אומאויפהערליכע שרעקליכע אקטיוויטעטן פון די ציונים זיך צו הייבן די קעפ בעזות נוראה אקעגן די אומות העולם די בכל אתר.

עס ברענט א געפארפולער פייער פון סכנת נפשות ממש אומעטום ווי עס געפינען זיך אידישע קינדער צוליב דעם חמת האומות וועלכע קענען נישט און ווילן נישט אראפשלינגען די אומבויגזאמע חוצפה באוועגונג פון די ציונים...

עס ברענט נעביך א הימלישער פייער פון חרון אף אויף די ביטערע ממשלת הכפירה און די אלע פינסטערע נאכשלעפער וועלכע העלפן צו אויסצורייסן אורייתא, קודשא בריך הוא און ישראל, רחמנא ליצלן...

## אבער דערקעגן... זה לעומת זה...

עס ברענט א קאכעדיגער פייער פון הארצעסניש און ווייטאג עד דכדוכה של נפש ביי די פילע טויזנטער אידישע קינדער וועלכע שטייען אומבאהאלפן אקעגן די פאררעטערישע מעשה הציונים וועלכע פראבירן מיט אומרעכט צו פארטרעטן כלל ישראל צו יעדע געלעגנהייט.

עס ברענט א הייליגער פייער פון די ריינע אויסגעהאלטענע אמונה איינגעפלאנצט ביי אונז אין די הערצער אויסציווארטן די גאולה שלימה און נישט חלילה האבן קיין מינדעסטע נאנטקייט מיט די מרידה במלכות שמים...

עס ברענט א העלישער פייער פון די הייליגע צדיקי אמת זי"ע וועלכע האבן אונז אלע געלערנט דעם דרך האמת מיט א ברענענדיגע שנאה עמוקה צו די רשעים ארורים...

טיערער
ידיד נ"י, אין די
טעג וואס מיר קוקט
ארויס אויף רחמים וחסדים
ושנת גאולה וישועה, און מיר
ערוועקען דעם זכות פון רביה"ק
עמוד האש ההולך לפני מחנה
ישראל, לאמיר זיכער מאכן אז
זיין פייער'ל זאל ווייטער טוליען,
די פייערדיגע תורות, און די
הייליגע ספרים, זאל האבן
א המשכה און א קיום
בעזהשי"ת.

## אצינד ברענט שוין אויך א פלאמעדיגער פייער... ברוך השם...

וואס דרייעט איבער וועלטן ביי די אומות העולם און ביי אידישע קינדער אויסצושרייען דעם אמת אז כלל ישראל שטייט אינגאנצן אפגעזונדערט פון די כת הציונים הארורים ימ"ש וועלכע זענען דורכאויס כנגד התורה הק' און טוען בלויז שעדיגן און אריינשטעלן אין סכנה אלע אידישע קינדער בכל מקומות מושבותיהם...

טייערע ברודער, דער ברענענדיגער פייער קאכט און פלאמט, עס איז אומגלויבליך די סייעתא דשמיא וואס באגלייט אויף טריט און שריט, אז אין די קורצע צייט זאל מען בעזרת השם אויפטוהן אזויפיל אין דעם געביט, אז דער אפקלאנג זאל שוין זיין אזוי מעכטיג און קלינגעדיג, לתכלית הנרצה.

אבער טייערע אידישע קינדער, שלומי אמוני ישראל, די אלע אקטיוויטעטן און געבענטשטע שריט קאסט אפ שווערע געלטער, דער הייליג פייער טאר חלילה נישט פארלאשן ווערן, מיט דעם פייער פארברענט מען די אלע אנדערע שרעקליכע פארכטיגע גרויזאמע געפארפולע פייערן און מען שטילט אפ בפועל ממש דעם שנאת ישראל וואס פלאקערט אויף די גאנצע וועלט און דעם חרון אף אויבן אין הימל, ווי כ"ק מרן רבינו הק' מסאטמאר זי"ע און אנדערע צדיקי אמת זי"ע האבן אונז אלעמאל געלערנט און געפאדערט.

אח יקר, הייליגער אידישער ברודער, די אלע וועלכע האבן דאס מינדעסטע געפיל צו טוהן עפעס פאר כבוד שמים און צו ראטעווען אידישע קינדער, מיר בעטן אייך ברחמים, בכל לשון של בקשה, נעמט א חלק בסיוע שיש בה ממש, העלפט אונז אנגיין מיט די הייליגע העלדישע ארבייט, די רעזולטאטן זענען אומגלויבליך, כה יוסיף השם להלאה.

## געדענקט, וואס מער אייער נתינה, אלס מער די מעגליכקייט צו טוהן אונזער פליכט און שטילן די שרעקליכע פייער!

# רחמנא אידכר לן זכותי' דרביה"ק זי"ע המקנא קנאה גדולה באש, והסיר חרון אש

# • וצדיק באמונתו יחיה •

## גודל הזכות ליום הדין הלוקחים חבל במוסד הק׳ נטרונא
## להתברך בכל מילי דמיטב בברכת כוה״ט

### בר״ה הדינא קדמאה הוא מאן דחייש על יקרא דשמא קדישא דלא יתחלל בארעא

ויהי היום ראש השנה הוה ויבאו בני האלקים להתיצב על ה׳, אלין ב״ד רברבא בני האלקים ודאי בנוי דמלכא קריבין לגביה, ואינון שבעין ממנן דסחרין תדירא למלכא ואינון חתכין דינא על עלמא, להתיצב על ה׳, וכי על ה׳ קיימי, אלא בשעתא דאלין קיימי על דינא, **דינא קדמאה דכלא ביה מאן הוא דלא יוקיר לשמא דקודשא בריך הוא ודלא יוקיר לאורייתא ולעבדוי, אוף הכי מאן הוא דלא חייש על יקרא דשמא קדישא דלא יתחלל בארעא** מאן הוא דלא חייש ליקריה דקודשא בריך הוא מאן הוא דלא שוי יקר לשמא דא (זוהר הקדוש במדבר רלא ע״א).

### חיזוק ידי אנשי אמת ונשא ראשם, עומדת במקום יסורים ומיתה ממרקת רח״ל

ועוד יש עון והוא עון חילול השם, שהתשובה ויסורים תולים ומיתה ממרקת, כמו שנאמר (ישעיה כב, יד): אם יכופר העון הזה לכם עד תמותון. והנה כאשר האדם משתדל לתמוך בעד האמת, ויעזור אחריה ויתעורר בדבריה, והופיע אורו לעיני בני עמו, ויחזק ידי אנשי האמת ונשא ראשם, וכתות השקר ישפילם יגיעם עד עפר, הנה אלה דרכי קידוש ה׳ והוד והדר לאמונתו ועבודתו בעולם, ועוז ותפארת במקדש תורתו, על כן בהרבות פעליו לקדש את ה׳ ולעודד האמת להכין אותו ולסעדו, ונסלח לו מעון החילול עם התשובה בשומו האמת לעומת אשמת החילול, מדת תשובתו נגד מדת משובתו. זה ביאור ״בחסד ואמת יכופר עון״. (ר״י שערי תשובה, שער ראשון ס״ק מ״ז).

### המחאות ממתיק את הדינין ומסיר חרון האף במדה גדולה

...״אין ספק כי המחאה העולמית קידשה ברבים את שם ה׳ הגדול והנורא, וראו כל עמי הארץ כי שם ה׳ נקרא עלינו, והיהדות החרדית עוד לבה רד עם אל, קידוש ש״ש זה המתיק את הדינין והסירה חרון האף במדה גדולה, ועלינו להודות ולהלל לכל החרדים בעיה״ק אשר קידשו שם ה׳ ברבים ועמדו על המשמר במסירת נפש להגן על קדושת ירושלים, והערו נפשם למען שמירת טהרתה, ונתנו גיוויהם למכים ולחייהם למורטים, וירדו לבית הכלא למען כבוד שמו ית״ש, וכך נתפרסם בעולם כולו כי אלקיהם של אלו שונא זימה, ובזה סר מר הקטרוג הנורא שלא יאמר הותרה הרצועה ומדשתקי רבנן וכו׳, ועל זרע ברך ה׳ אלה אשר קידשו שם ה׳ תפארתינו ונחמתינו, ועל כגון דנא נאמר ״השיב את חמתי מעל בני ישראל בקנאו את קנאתי בתוכם ולא כליתי את בני ישראל בקנאתי״.

וזכות מיוחד עמד להם להיראים וחרדים בחו״ל אשר לא עמדו מרחוק בימי עברה וזעם, ובאו לעזרת ה׳ בגבורים, ולא זזו ידם מתוך ידיהם של גבורי כח בעיה״ק, לעמוד לעזרתם ולימינם, וחלק כחלק ניהלו את המערכה בקדושה וטהרה, זכיתם אתם לקדש את השם ית״ש יש שכר לפעולתכם בזה ובבא״. (כ״כ רבינו זיע״א במכתב ברכת השנה להעדה החרדית (לקראת שנה תש״ט) אחרי ההפגנה בעיר וואשינגטאן).

...איבערדעם טאר מען זיך נישט ממהר זיין, האט מען באשוואוירן, אז מ׳טאר זיך נישט אליין נעמען קיין גאולה, ווארן איין באשעפער איז נאר וואס ער זעהט, ער ווייסט ווען דער זמן איז, דארף מען נישט אויסצורעכענען חלילה אז מ׳נעמט זיך אליין, אז מ׳איז דוחק הקץ, מ׳נעמט זיך אליין א באפרייאונג, וואס די גמרא זאגט אויף דעם, אז חלילה אני מתיר את בשרכם, בעוונינו הרבנים, אזוי איז עס געווען, אוי וויי! יודען זענען הפקר געווען און היצט אויך נאך בעוה״ר, **אפשר אז מ׳וועט עפעס טוהן, מיט א שטיקל מחאה וועט מען מסיר זיין דעם חרון אף**, אז יודיש בלוט זאל נישט זיין אזוי הפקר פון אלע שונאים פון די אויסנווייניגסטע און פון די אינעווייניגסטע, און מ׳וועט מציל זיין יודען פון הריגות, טאקע מיט דעם כח, מ׳זאל מוחה זיין אויף די וואס טוהן כנגד דעם רצון הבורא, וואס מ׳איז מכעיס דעם בורא עולם, וואס דער בורא כל עולמים האט אזוי מזהיר געווען, מ׳זאל די זכיה האבן מ׳זאל זיין דבוק אין בורא כל עולמים, מ׳זאל גיין אין דרך האמת (ס״ג בשלח תשט״ו).